STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02225

NOKH DI GESHEENISHN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א״ידיקע ארבעטער־פארטײ (פועלי ציון)
צענטראל־קאמיטעט

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראײניקט אײך!

נאך די געשעענישן אקטאבער 1933

דער שוואכער פונקט פון עפענדישן פראנט ● דאס אראבישע דארף ● די ירידה פון דער אפענדישער מאכט ● „די אגראר־רעוואלוציע״ ● פ. ק. פ. און „פראקציע״ אין דער אייביקער קלעם ● דער עפענדישער אנטי־אימפעריאליזם ● דער „פארלאמענט״ קומט... ● אין לאנד און אין לאנדאן ● וועמענס אגענץ?

די א״ידיקע ארבעטער־פּארטיי (פּועלי ציון) האט ארויס־
געזאגט איר אפּשאצונג און שטעלונג צו דער פּאליטישער
סיטואַציע אין דער העברעאישער בראשור „מאורעות אוקטובר
1933“, וואס איז דאטירט פון 29 אקטאבער 1933, ד. ה. צוויי
טאג נאך דער יפו׳ער בלוטיקער דעמאנסטראציע. (די יודי־
שע אויסגאבע איז ארויס אין ווארשע א. ד. ט. „די בלוטיקע
געשעענישן אין פּאלעסטינע“, „ארבעטער־צייטונג“־ביבליאטעק״
נומ. 1). די ווייטערדיקע אנטוויקלונג האט פול באשטעטיקט
די ריכטיקייט פון יענער אפּשאצונג און די לאזונגען וואס
מיר האבן ארויסגעשטעלט. די איצטיקע בראשור בארירט א
ריי ספּעציעלע פראגן אין א ברייטערן פּארנעם.

תל־אביב, דעצעמבער 1933.

דער שוואכער פונקט פון עפענדישן פראנט

די בלוטיקע אקטאבער־געשעענישן אין א״י האבן זיך געענדיקט נישט פריער און נישט שפעטער, ווי ס׳איז דער־גרייכט געווארן דער פאליטישער ציל, וואס ס׳האבן זיך גע־שטעלט די אויפטוער פון דער גאנצער זאך (אויף יעדן מעג־לעכן צופאל, א שטייגער די „דערגרייכונגען״ זאלן זיין אין א סכנה – איז אנגעזאגט די פארטזעצונג אין יאנואר). מיט דער פינקטלעכקייט פון א זייגער האט זיך אפגעשטעלט די „נאציא־נאלע באוועגונג״, גענוי צו דער מינוט, ווי די שיסעריי אין יפו האט באקומען טעלעכע בלוטיקע אפקלאנגען אין אנדערע שטעט און דער טעלעגראף האט ווידער צעטראגן איבער דער וועלט די בשורה, אז „די אראבער אין א״י זענען גרייט צו אן אויפשטאנד, אויב עס וועט נישט אי־בערגעהאקט ווערן די יידישע איינוואנדערונג״. די דאזיקע פינקטלעכקייט און גענויאיקייט האט ארויסגערופן אין דער פרעסע א ריי קאמפלימענטן אויפן אדרעס פון דער „נאצ־יאנאל־אראבישער באוועגונג״, אז דערמיט האט זי ארויסגעוויזן „אזא גרויסע מאס פון דיסציפלין און ארגאניזאציע״, וואס קיינער וואלט איר נישט געוועזן צוגעטרויט. אין דער אמתן איז די דאזיקע ערקלערונג פון גרונט פאלש. די „באוועגונג״ האט זיך אויסגעצייכנט מיט פינקטלעכקייט און גענויאיקייט נישט דער־פאר, ווייל זי איז געוועזן אזוי ארגאניזירט און דיסציפלינירט, נאר דערפאר ווייל די ארגאניזאציע און דיסציפלין פון דעם

עפּענדישן לאגער האבן נישט באוויזן ארומצונעמען קיין גרע־סערע מאסן, און קודם כל איז געבליבן אויסער איר, א חוץ ווינציקע אויסנאמען, דער פּלח און דער בעדואינער. וועלכע האבן געשפּילט די הויפּטראָל אין די געשעענישן פון 1929 יאר. אמתע פאלקס־באוועגונגען, אזעלכע וואס דרינגען ארויס פון לעבעדיקע פאלקסאינטערעסן, קענען זיך טאקע אנהייבן לויט א צייכן, לויט א קאמאנדא, אבער אפּשטעלן זיך פרעציז לויט א קאמאנדא פון אויבן קענען זיי נישט. דער שנעלע סוף פון די אקטאבער־געשעענישן איז גראד נישט קיין ראי פאר דער שטארקייט פון דער אראבישער באוועגונג קעגן דער יידישער איינוואנדערונג אין לאנד, נאר אדרבא, עס איז א באַוויז פאר איר שוואכקייט אינם אנטשיידנדיקן פונקט: אין דער באטייליקונג פון יענע מאסן, וועמענס אינטערעסן עס פלעגן איר דינען פאר א שילד – די גרויסע מאסן פון דער דארפי־שער ארעמקייט.

דאס אראבישע דארף

די געשעענישן האבן באוויזן קלאר פאר אלעמען, אז דער לאזונג וואס איז דאסמאל אויסגעקליבן געווארן צו ציען די מאסן – קאמף קעגן דער יידישער איינוואנדערונג – האט נישט געטראפן אין פּינטל, אויף וויפל עס האנדלט זיך, נישט וועגן דער בריטישער הערשאפט, נאר וועגן די אראבישע מאס גופא. דער פאקט וואס דאס דארף האט זיך נישט גערירט וואס אפילו דער נאמען בעדואינער איז איבער דער גאנצער

צייט נישט דערמאנט געווארן, רעדט פאר זיך.

צי זאל דאס הייסן, אז אין אראבישן דארף, ווייט פון די יידישע זידלונגען, און ביי די בעדואינער אין די צעלטן איז אלץ בסדר, אז דארט זענען נישטא קיין סיבות פאר א ברייטער סאציאלער באוועגונג, געגן די אויסנוצער און אונטערדריקער מכל המינים? ניין! גראד פארקערט. שווער און ביטער איז דאס לעבן פון דער דארפישער אראבישער ארעמקייט. אויסגעזויגן פון אייגענע אראבישע פראצענטניקעס, וועלכע ציען דעם מארך פון די ביינער, באגזל'ט און באגנב'עט פון אייגענע אראבישע עפענדיס, וועלכע ווייסן נאר איינס: פארגרעסערן זייער באדנבאזיץ אין רווחים אויפן חשבון פון אדעמען שכן, פון ארענדאטאר און באטראק, דערקוועטשט דורך כסדר'דיקע נאטור־אומגליקן איבער דער פרימיטיווערווירטשאפט זייערער, קענען וועלכע זיי האבן נישט קיין מיטל אפילו טיילווייז זיך צו שיצן — זענען זיי מיט דער צייט דערגאנגען צו אזא מצב, אז די רעגירונג מוז זיך פון צייט צו צייט אפזאגן פון די שטייערן און חובות, פשוט ווייל עס איז נישטא פון וואס צו נעמען. אמת, אז פון די דאזיקע הנחות געניסט נישט בלויז דער ארעמער פלח, נאר אויך דער רייכער עפענדי, וועלכער געווינט אזוי ארום צוריק א טייל פון זיינע רווחים, אבער א פאקט איז, אז דאס אראבישע דארף, וועלכעס געפינט ווייט פון יידישן ישוב, גייט אויס און ארעמקייט און נויט.

אזויפיל ארעמקייט און נויט, ביי אנדערע באדינגונגען, ביי די באדינגונגען פון קאפיטאליזם, וואלט געסטייעט אויסצו־

פילן מיט בונט אוןווידערשפעניקייט נישט בלויז עטלעכע געציילטע טעג פון דעמאנסטראציעס, נאר שאפן און אנפילן מיט לעבן אן אמתע באוועגונג פון פויערישער ארעמקייט, געווענדט קעגן דער הערשנדיקער ארדנונג און קעגן די פאר־שידענע פיאווקעס, וואס האבן זיך אנגעזעצט אויפן גוף פונם פאלק: אין אנדערע באדינגונגען וואלט עס אנגעווארפן יעדן איינעם, וואס וויל זיי איינשפאנען אין זיין רייטוואגן, א געוויס פראגראם פון רעפארמען צו פארבעסערן די לאגע פון די דא־זיקע מאסן. און דאך איז נאך איצט אין אראבישן דארף אזא באוועגונג נישט פאראן (שטרייטיקייטן וועגן באדן מיט עפענ־דיס זענען ביז איצט פארגעקומען נישט דער ערך פיל זעלטענער איידער שטרייטיקייטן וועגן באדן צווישן פעלאכן גופא, הגם עס איז באוואוסט מיט וועלכע קונצן די עפענדיס באנוצן זיך כדי ארויסצונארן דעם באדן פונם פלח)· און דאך האט נאך קיינער פון די פרעטעדנענטן אויף „פאלקספירערשאפט" נישט אויסגעארבעט אזא פראגראם, נאר אנשטאט דעם אלגעמיינעם אגראר־פראבלעם ארויסגעשטעלט דעם „יידישן פונקט"· שוין נישט צו רעדן, אז זיי וועלן נישט ארויסשטעלן א פאדערונג, לכל הפחות, צו רעווידירן די אלטע חובות פונם פלח, וועלכע עסן אים ממש אויף.

ארעמקייט און נויט דריקן זיך דא אויס אין א פארגרע־סערטער קרימינעלער סטאטיסטיק; פאליטיש און סאציאל איז דאס אראבישע דארף נאך פארגליווערט, נישט קוקנדיק

אויפן עטוואס העכערן קולטורעלן ניווא ווי אין די טער־קישע צייטן.

אין די געגנטן פון קאפיטאליסטישן יידישן ישוב, האט זיך שוין יא אנגעהויבן א געוויסע סאציאלע דיפערענצירונג, א פאר־טיילונג צווישן ארעם און רייך, צווישן באזיצער און לוין־ארבעטער, אבער דער דאזיקער פראצעס שטייט ערשט ביים סאמע אנהייב, דער סאציאלער קאנפליקט דריקט זיך נאך אויס אין משפחה־שטרייטערייען און האט נאך ווייט נישט דער־בראכט צו דעת קריסטאליזירונג פון קלאסן־באוואוסטזיין, פונקט אזוי ווי דאס באוואוסטזיין פון רעליגיעזער צוגעהעריקייט דאמינירט דארט איבער דעם נאציאנאלן (און עס געהערט טאקע צו דער כאראקטעריסטיק פונם פעאדאלן לעבנס־שטייגער וואס משפחה און רעליגיע פארנעמט דארט דעם פלאץ, וואס אין דער קאפיטאליסטישער וועלט פארנעמט קלאס און נאציע). די פעאדאלע ראנג־ארדנונג אין דער געזעלשאפט און דער פאטריארכאלער לעבנס־שטייגער באהערשן נאך דעם כלל און דער יחיד קאן זיך מיטאמאל נישט באפרייען צו א נייער ראנג־ארדנונג און א נייעם לעבנס־שטייגער. (אין דעם פרט איז די דארפישע אראבישע געזעלשאפט היינטצוטאג ענלעך צו דער יידישער געזעלשאפט אין מזרח אייראפע מיט 100 יאר צוריק: פאראן ארעמע און רייכע, אבער קיין קלאסן האבן זיך נאך נישט ארויסגעשיילט, פאראן הערשער און באהערשטע, אבער דער געגנזאץ צווישן זיי באטרעפט בלויז די יחידים, און רופט, אמת, ארויס גרופן־געפילן, אבער נישט קיין קאלעק־

טיוון געדאנק, קיין נייעם פאליטישן וועג). דעריבער בלייבט דער עפענדי, מיט דער הילף פון זיינע דינער: כלי־קודש, מוכתארן, שרייבער־לערער, נאך אלץ דער בעה״דעה ביי דער מאסע, הגם מיט יעדן טאג ווערט אלץ שווערער די דאזיקע פאזיציעס אויפצוהאלטן.

די ירידה פון דער עפענדישער השפעה

אויב דארפישע ענינים האבן משפיע געווען אויף די לעצטע געשעענישן אין א״י, איז דאס דוקא נישט די נויט און דער לעבנס־קאמף פון די ארעמע דארפישע מאסן, נאר דוקא די שטרעבונג פון די עפענדיס ארויסצורוקן פאר די דאזיקע מאסן א לאזונג, וואס זאל אפווענדן זייער געדאנק פון די ווייטיקדיקע פראגן אין דארף, ווי א רעטונג, פון דעם אינ־ווייניקסטן קלאסן־קאמף, וואס קלאפט אן דער טיר, צו דעם אויסערלעכן נאציאנאלן קאמף. נישט אומזיסט האבן עס די זעלבע עפענדיס, וואס האבן אזוי בארעדעוודיק געשילדערט די נויט פון דעם פלח פאר די פארשידענע בריטישע קאמיסיעס, ווען מ׳האט געדארפט שאפן א בארעכטיקונג פאר די געשעענישן אין 1929, איצטער דעם דאזיקן סאציאלן לאזונג איינגאנצן ארויסגעלאזט פונם שפיל. קיין ווארט איז דאך וועגן דיליידן פונם פלח נישט דערמאנט געווארן! קיין איינציקע פאדערונג פון הילף פארן פלח, פון רעגולירן די אגרארע פראגן אין לאנד! „אפשטעלן די יידישע איינוואנדערונג!״ און אין דער צווייטער ריי „פארווערן פארקויף פון באדן צו יידן!״

דאס איז געווען די איינציקע לאזונגען זייערע· ווי צעריסן צווישן זיך עס זענען די אראבישע עפענדיס און עפענדישע פאראזיטארע אינטעליגענץ, האט זיך צווישן זיי אלעמען דאך נישט געטראפן איין איינציקער, וואס זאל ארויסשטעלן א וועלכע נישט איז פאדערונג אדער טענה, וואס זאל האבן א שייכות צו די טאג־טעגלעכע און לעבנסבאדערפענישן פון די מאסן· און זיי האבן געהאט זייער א גוטן גרונט נישט אנצורירן דעם דאזיקן פונקט· ווארום דא וואלט דאך באלד ביי דער מאסע קלאר געווארן, אז דאס האט נישט קיין שום שייכות מיט דער פראגע פון דער יידישער איינוואנדערונג און קאלאניזאציע, און אז אדרבא, די יידישע איינוואנדערונג און קאלאניזאציע איז בלויז א הילף און א רעטונג אין דער נויט פון די דארפישע אראבישע פארהעלטענישן, וואס עס ווערט בעיקר קלארביים פארגלייך פון אראבישן דארף ווייט פון דער יידישער זידלונג און דעם וואס וואס איז נאנט צו איר· דעריבער טאקע האבן די אראבישע נאציאנאלע צייטונגען אפן ערקלערט, אז „אמת די יידישע איינוואנדערונג ברענגטווירטשאפטלעכע נוצן דעם לאנד, אבער דאס איז א נאציאנאלע סכנה פאר דער צוקונפט א סכנה פאר דעם אראבישן כאראקטער פון א״י״. און וויפל מאל האבן מיר געלייענט אין דער אראבישע פרעסע: „מיר דארפן נישט קיין וועגן און אויטאמאבילן, מיר דארפן נישט קיין פאבריקן, מיר דארפן נישט די גאנצע אויסלענדישע ציוויליזאציע, אבי דאס לאנד זאל בלייבן אן אראביש לאנד״· דער גאנצער רעאקציאנערער, פעאדאלער פרצוף

פין דער דאזיקער באוועגונג דריקט זיך אויס אין די דאזיקע ווערטער, און דער „נאציאנאלער” לאזונג איז דערביי נישט סתם א צוטשעפעניש, נאר אזוי איז דאס פאקטיש: אפהיטן דעם ריין ארראבישן כאראקטער פון א"י, אפשטעלן די יידישע איינוואנדערונג, באטייט ווירקלעך אפשטעלן און צעציען אויף א לאנגער, לאנגער תקופה דעם קאפיטאליזירונגס־פראצעס פונם לאנד, ראטעווען דעם פעאדאליזם אין א"י פון זיין גאלאפירנ־דיקער שווינדזוכט.

אגב, די פאדערונג צו פארווערן געזעצלעך דאס פארקויפן באדן צו יידן איז שוין נישט קיין ערנסטע. זיי קענען זיך ערלויבן ארויסצושטעלן די דאזיקע פאדערונג, נאר דערפאר, ווייל זיי ווייסן, אז זי קען ביי די איצטיקע באדינגונגען בשום אופן נישט דערפילט ווערן, ווארום מער ווי עס איז אויפגע־טאן געווארן צו באגרענצן דעם יידישן באדן־קויף, דורך דעם לעצטן געזעץ וועגן אריסים (ארענדאטארן), קען נישט געטאן ווערן, כל זמן עס גילט נאך דער פרינציפ פון גלייכע רעכט פאר אלע איינוואוינער.

אין פלוג איז עס א זייער ראדיקאלע „נאציאנאלע” פאדע־רונג, אין דער אמתן איז עס נישט מער ווי א פוסטע ראקעטע, ארויסצודרייען זיך פון אן אנדערער לעבעדיקער פאדערונג — פארווירקלעכן אן אנטוויקלונגס פלאן, וואס זאל הייבן דעם עקאנאמישן מצב פונם דארף.

אבער אפילו פאר דעם גאר געניג רעאקציאנערן פלאן פון סימפסאן האט די „אראבישע נאציאנאלע באוועגונג”, פון

רעכטס ביז „לינקס", קיין באזונדערע התלהבות נישט ארויסגע־ וויזן, און אפילו נישט געפּרווט ארויסשטעלן א קעגנפּלאן. ווארום דער סאמע אנהויב פון רעפארמען אין אראבישן דארף איז דער אנהויב פון סוף פון דער עפענדישער הערשאפט אין דארף. עס וואלט ענדגילטיק ארויסגעריסן דאס אראבישע דארף פון אונטער דעם עפענדישן דרוק. עס וואלט פארטייערט די ארבעט אין דארף, נישט בלויז אין די סביבות פון יידישן ישוב. דער אריס וואלט דאן געוועט פארלאזן זיין באלעבאטישקייט און פאר־ ביטן זי מיט לוין ארבעט ביי יענעם.

מיט איין ווארט, דער וועג פון אגרארע רעפארמען וואלט אומבאדינגט געמוזט ברענגען צו רעוואלוציאניזירן הן פאליטיש הן עקאנאמיש דאס אראבישע דארף און אויפשטעלן עס קעגן פעאדאל, קעגן עפענדי.

דער דורכפאל פון דער באוועגונג לגבי דער דארפישער באפעלקערונג ביי די איצטיקע באדינגונגען — און מ׳דארף וויסן אז דאס זענען אין א״י 70% פון דער אראבישער איינוואוינער־ שאפט — איז דוקא א באוויז, ווי ווייט דער אנגעהויבענער סאציאלער דיפערענצירונגס־פראצעס גראבט אונטער אלץ מער די איינהייטלעכקייט און נאציאנאלע אחדות, און ווי ווייט די קלאסן וואס האלטן זיך אין אויסבילדן הייבן אן רעאגירן אנדערש אויף לאזונגען און פראבלעמען.

„די אגראר רעוואלוציע"

עס וואלט דעריבער געווען פולשטענדיק פאלש און עס מוז פארפירן צו פאלשע מסקנות, ווען מען

זאל אין די לעצטע געשעענישן וועלן זען וועלכע נישט איז אפשפיגלונג, זאל זיין א פארקרימטע און פארפירטע, פון דארפישע אראכישע מאסן־גויטן, בעת אין דער אמת׳ן איז עס געווען אן אומגעלונגענער פרווו פון די עפענדיס, די דאזיקע גויטן און זייערע ווירקלעכע סיבות צו פארטושן, אויסמעקן פון באוואוסטזיין. די דאזיקע עפענדישע פאליטישע מאכינאציע מיטן אימפעריאליזם, קען נישט זיין און איז נישט געווען קיין איינ־לייטונג צו א באפרייאונגס־קאמף פונם פלח קעגן דעם פעאדאל און קעגן דעם אימפעריאליזם, נאר פון לכתחילה איז זי געווענדעט, נישט צו דערלאזן דעם דאזיקן קאמף. דער כאראקטער פון א רעאקציאנערער באוועגונג ווערט נישט געביטן ווען עמיץ פאכעט הינטער איר מיט רעוואלוציאנערע לאזונגען, ווי עס טוט די פ. ק. פ. אין א״י, וועלכע קומט נאך די געשעענישן און ערקלערט עס פאר אן ארייגפיר צו דער ״אגראר־רעוואלוציע״ אין א״י. פארקערט, אפילו ווען די טעכ־נישע אנפירונג פון דער באוועגונג וואלט איינגעשטאנען נישט ביי דער טיפסטער סאציאלער רעאקציע, נאר ביי מענטשן וואס זענען סוביעקטיוו רעוואלוציאנעריש, אויב אירע לאזונ־גען וואלטן געבליבן דיזעלבע וואס איצט, וואלט עס ווייטער געבליבן נישט אן איינלייטונג צו וועלכער עס איז רעוואלוציע, נאר א קאמף קעגן דער רעוואלוציע, דער איינ־ציקער וואס איז מסוגל ארויסצופירן די דארפישע מאסן צו א פרייער העכער לעבן — די פראלעטארישע רעוואלוציע.

עס איז נישט מער ווי שארלאטאניזם אדער עם־הארצות

אדער ריכטיקער: ביידע צוזאמען, ווען די לייט פון פ. ק. פ. שטעלן אוועק א לאזונג פון אגראר־רעוואלוציע סתם אזוי זיך, ווי א באזונדערע זאך פאר זיך. אגראר־רעוואלוציע, דאס האבן זיי דאך געלערנט, קאן נישט פארווירקלעכט ווערן אן אן אלגעמיינער מלוכה־איבערקערעניש, אן איבער־נעמען די מאכט דורך רעוואלוציאנערע כוחות, וואס זענען פאראינטערעסירט די דאזיקע רעוואלוציע דורכצופירן אין לעבן. טא ווער־זשע וועלן זיין די דאזיקע כוחות? וועגן דעם שווייגט די פראקציע. זי קען נישט טענה׳ן, אז דאס וועט זיין דאס פויערימטום אליין, ווארום געשיכטלעך איז דאס פויערימטום נישט מסוגל אליין זיך צו באפרייען. דאס פויערטום איז סאציאל נישט קיין זעלבסטשטענדיקער קלאס, נאר א מאדי־פיצירטע פארם פון קליינבירגערטום, און אויף וויפל טיילן פון אים ווערן פארוואנדלט אין ערדלאזע באטראקעס, ווערן זיי אידענטיש מיטן פראלעטאריאט. עס קאנען דא זיכער ניט העלפן די עפענדים, ווארום דאס איז דאך דער קלאס פון וועלכן מען דארף זיך באפרייען. די פ. ק. פ. קען נישט זאגן, אז דאס וועט טאן דער פראלעטאריאט, ווארום דאס וואלט געווען א סתירה צו דער גאנצער טעאריע וועגן נישט קאפיטאליזירונג פון דער א״ידיקער ווירט־שאפט (וואס זי האט אזוי געשיקט איבערגענומען פון ״אחדות העבודה און הפועל־הצעיר, און וואס איז אזוי נייטיק, כדי אויפצוהאלטן דעם טעארעטישן יסוד פאר אן איינהייטלעכער ״נאציאנאל־ארבישער באוועגונג״, וואו די ״רעוואלוציאנערע״

עלעמנטן זאלן האבן די אנפירונג. (ווי פיין מפא״יש קאנגרעסיסטיש דאס איז און ווי ווייניק דאס האט צו צו טאן מיט מארקסיזם!) ממילא פארשווייגט מען דעם פונקט, ווער וועט עס דורכפירן די אגראר־רעוואלוציע. כדי נישט אויפצודעקן אז דאס איז א פשוטער „טשעמאדאנטשיק״, וואו עס ווערט ווייטער געשמוגלט די אלטע פארשימלטע סחורה, און פאר א ריקצוג האלט מען גרייט „נאציאנאל־אראבישן פארטיזאנישן קאמף״, לויטן מוסטער פון נהלל, אבו־גי׳לדא און אנדערע „אנטי־אימפעריאליסטישע״ העלדישקייטן.

אויב עמיץ מיינט ערנסט מיט דער אגרארער רעוואלוציע, מוז ער זי פארשטיין אלס טייל פון אן אלגעמיינער רעוואלוציע, און דאס קען נישט זיין קיין אנדערע, ווי אזעלכע וואס ווערט געקרוינט מיט דער אויפשטעלונג פון אן ארבעטער און פויערים רעגירונג, ווי דאס איז געשען אין נאוועמבער 1917 אין רוסלאנד. די פראקטיע האט אבער א באזונדערן גרונט דוקא צו מאכן זיך פארגעסן וועגן דעם. ווארום אויב עס רעדט זיך אין א״י וועגן פראלעטארישער רעוואלוציע און וועגן דער אויפשטעלונג פון א פראלעטארישער קאמף־מחנה, קען דאס געשאפן ווערן נישט דורך דער פעאדאלער פארגליווערונג פון שטאט און דארף, נאר דורך אן אלץ וואקסנדיקער קאפיטאליזירונג און סאציאלער דיפערענצירונג, וועלכע ווערן געשאפן דוקא אין רעזולטאט פון דער יידישער איינוואנדערונג.

פ. ק. און „פראקציע" אין דער אייביקער קלעם

שוין העכער 10 יאר ווי די פראקציע באמיט זיך אוועקשטעלן טעארעטישע מחיצות צווישן דעם א"ידיקן פראָלעטאריאט און דעם געדאנק פון סאציאלער רעוואלוציע. דער ערשטער גאונישער איינפאל איז געווען נישט אירער, נאר גענומען דירעקט פונם פאליטישן ארסענאל פון די אראבישע עפענדיס. צוזאמען מיט די עפענדיס האבן זיי געפאדערט עס זאל געשאפן ווערן א פארלאמענטארישע פארטרעטונג אין א"י, אלס א נויטווענדיקער עטאפ אין דער אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציע. (ווען זיי זענען געגאנגען צו די וואלן אין דער דעמאלטיקער פרייוויליקער אסיפת הנבחרים 1925 האבן זיי ערקלערט, אז אסיפת הנבחרים קען זיין אן עטאפ צו „אן אלגעמיינעם א"ידיקן פארלאמענט!). ווען פועלי־ציון האבן אנגעוויזן, אז אפילו אן אזויגערופענער „דעמאקראטישער פארלאמענט" אין א"י קען נישט זיין מער, ווי א הערשאפטסמיטל אין דער האנט פונם אימפעריאליזם, וואס וועט ארויפווארפן די אחריות אויף די היימישע הערשנדיקע קלאסן פאר א טאפ לינזן—איז דאס באטירלעך פארשריגן געווארן אלס קאנטער־רעוואלוציע. „פועלי־ציון רעדן וועגן סאציאלער רעוואלוציע, ווייל זיי ווילן נישט קיין קאמף מיטן אימפעריאליזם". אבער שפעטער, ווען דער אימפעריאליזם האט בולט און קלאר צו וויסן געטאן, אז ער איז גרייט אויסצופירן דעם פלאן פון א „פארלאמענטארישער פארטרעטונג", און מ'האט מער נישט געקאנט נארן, אז דער

קאמף פאר א פארלאמענט איז אנטי־אימפעריאליסטישער קאמף. האבן זיי זיך געשווינד אפגעשאקלט פון זייער „אייגענעם" לאזונג, און צוגעזוכט זיך א צווייטן לאזונג, וואס מ'זאל אים קענען ארייגשטעקן ווי א מחיצה צווישן דער ארבעטערשאפט אין א"י און דעם געדאנק פון סאציאלער רעוואלוציע — דער העכסט ארגינעלער און העכסט עם־הארצישער לאזונג פון „אגראר־רעוואלוציע".

פון וואנען עס נעמט זיך די מאדנע אפנייגונג פון די דאזיקע „געסטעמפלטע" קאמוניסטן צום געדאנק פון פראלעטארישער רעוואלוציע, דאס שטענדיקע זוכעניש נאך א מחיצה, וואס זאל אפטיילן וואס ווייטער, האט אויסגעזאגט נישט־ווילנדיקערהייט דער „טעארעטיקער" פון פ. ק. פ., וואס האט געשריבן אין א בריוו אין נאמען פון קאמינטערן אין 1929 יאר, אז „פראלעטארישע רעוואלוציע אין א"י וואלט באטייט די דיקטאטור פונם יידישן פראלעטאריאט איבער דער גאנצער אראבישער באפעלקערונג", הייסט עס, אז דאס וואס האבן געמעגט און געדארפט טאן די רוסישע פראלעטאריער אין טורקעסטאן, סיביר און אנדערע, דאס איז טריף לגבי די יידישע ארבעטער אין א"י. נאך דערצו בשעת עס איז קלאר, אז קיין שום פראלעטארישע רעוואלוציע קען נישט זיין קיין אנדערע ווי אן אינטערנאציאנאלע, איין בונד פון אלע פראלעטאריער פון דעם דאזיקן לאנד. דער מאדנער פחד יידישן מאשקע נישט צו זיין צו גרויס אין די אויגן פון גוי האט דא געפונען זיין קלאסישן אויסדריק.

נאך דייטלעכער איז דער דאזיקער „געדאנק" ארויס־געזאגט עטלעכע יאר פריער, אין „פארויס" נומ. 4, ארגאן פון פ. ק. פ., וואו עס ווערט דערוויזן, אז אין א"י טאר מען נישט ארויסשטעלן דעם לאזונג פון פראלעטארישער דיקטאטור, נאר דוקא פון פארלאמענטארישן דעמאקראטיזם, מחמת פראלעטארישע דיקטאטור פאדערט פארגרעסערן דעם ארבעטער־קלאס, אין דאס הייסט דאך פארגרעסערן די יידישע איינוואנדערונג. איז דעריבער טריף דער לאזונג פון פרא־לעטארישער דיקטאטור, און לעבן זאל די דעמאקראטיע! און דאס אלץ האט געקאנט אנגיין אונטער דעם נאמען פון קאמינטערן!

וואלט זיך געדאכט, אז דער לאזונג פון אגראר־רעוואלוציע איז שוין דער לעצטער אויסדרוק פון פ. ק. פ.־יסטישער חכמה! אבער ניין! מיט א האלב יאר צוריק האט פ. ק. פ. ווידער געביטן איר „פעלזנפעסטע" שטעלונג. אין א ספעציעלן אויפרוף האט די פ. ק. פ. מודיע געווען דער גאנצער וועלט, אז דער אזוי לאנג צעטרובעטער לאזונג פון אגראר־רעוואלוציע, וועגן וועלכער זיי האבן אקארשט נביאות געזאגט, אז זי שטייט פאר דער טיר, האט נישט קיין שום אויסזיכטן איצט, אז „מיר האלטן נישט פאר קיין אגרארער רעוואלוציע", נאר דער קאמף געגן אימפעריאליזם און ציוניזם דארף געפירט ווערן אונטערן „נאציאנאלן לאזונג" צוזאמען מיט דער אלגעמיינער נאציאנאל אראבישער באוועגונג. וואס איז עפעס געשען? צי האט זיך צוריקגעדרייט דאס רעדל פון דער געשיכטע, און די נויט פון

פויערטום איז קלענער געווארן (און צוליב וואס קלענער גע־
ווארן)? פשוט, עס איז נמאס געווארן דאס אפשטופן די אגרא־
רע רעוואלוציע פון איין חגא אויף דער צווייטער, פ׳ן נבי־
מוסה אויף נבי׳ רובין, פון נבי־רובין אויף נבי׳ סאלח (אך, ווי׳
ווייניק נביאים פאר אזא לאנג יאר!) אין דא האט זיך אנטער־
גערוקט אזא לויתן ווי דער „לינקער״ איסתיקלאל, מיט אזעלכע
רעוואלוציאנערן ווי עיזת דירוווזה וואס אין אמתן איז ער אזוי
לינק, ווי מ׳קען רופן היטלערן „לינק״ אנטקעגן הוגנבערגן, און
ס׳איז ווידער דא מיט וואס צו פארטרייסטן די פאר פארייאושטע
קליינבירגערלעכע יונגעלייט.

אבער ווייטער נישט אויף לאנג. עס זענען געקומען די
געשעענישן פון אקטאבער, ווען אפילו פאר פאליטישע קינדער
איז קלאר געווארן, אז דאס איז א פאליטישע קאמבינאציע
צווישן דעם אימפעריאליזם און דער „אראביש נאציאנאלער
באוועגונג״, און די פ׳ ק. פ. איז ווידער געקומען אין קלעם:
הייסט דאס אז דינען דער „אראביש נאציאנאלער באוועגונג״
איז סוף כל סוף נישט מער, ווי דורכפירן די פלענער פון
אימפעריאליזם? טא וואס איז דער חילוק צווישן פ׳ ק. פ׳ און
דעם אראבישן עפענדישן יוגנט־קאנגרעס? שלעכט! מוז מען
זיך ערשט ווידער אליין אפשמייסן, און ווידער אמאל, נישט
האבניק קיין בעסערן איינפאל, אויפנעמען דעם לאזונג, פון
„אגראר־רעוואלוציע״, וועלכן מ׳האט נאר וואס אוועקגעווארפן.

אט אזוי שאקלט זיך די פראקציע אהין און אהער ארום
דער „אראבישער נאציאנאלער באוועגונג״ און מאכט צו שאנד

און צו שפאט דעם נאמען פון קאמינטערן, וועלכער דארף זיין דער פירער פון דער וועלט־רעוואלוציע און לאזט זיך פירן פון א הייפל קליינבירגערלעכע מאשקעלעך מיט צוויי־דריי מסופקדיקע „רעוואלוציאנעריש" באפארבטע אראבישע שאוויניסטן.

דער עפענדישער אנטי־אימפעריאליזם

די פ. ק. פ. אין איר „ליטעראטור" וויל איינרעדן, אז דאס וואס בראש פון די געששעניש זענען געשטאנען נישט זיי מיט „זייערע חברים" „לינקע איסתיקלאל", נאר די קלאסישע פארטרעטער פון אלטן אראבישן נאציאנאליזם, די פאשאס און די בעקס, איז נישט מער ווי א טעות פון דער געשיכטע... מ׳דארף זיך נאר ארויפבאקומען צו דער פירערשאפט, נעמען די לייצעס אין דער האנט, און די גאנצע זאך וואלט שוין אנגענומען דעם אמתן אומפשרה׳דיקן אנטי־אימפעריאליסטישן כאראקטער — און דערווייל, ביז די פירערשאפט פון דער באוועגונג וועט אריינפאלן אין זייערע הענט, דארף מען מיטמארשירן.

אבער די דאזיקע באוועגונג אן די דאזיקע פירער וואלט איבערהויפט נישט געווען, און אן זיי וועט זי איבערהויפט נישט זיין. א באוועגונג אן די דאזיקע פירער קאן געשאפן ווערן נישט אין קאמף קעגן די בלויזע פ י ר ע ר, נאר קעגן דער גאנצער באוועגונג גופא. א באוועגונג קעגן דער ליניע פון די דאזיקע פירער, אן אמתע אראבישע פאלקס־באפרייאונגס־באוועגונג, וואלט געמוזט האבן נישט דעם נאציאנאליסטישן לאזונג פון איצט, נאר לאזונגען סאציאלע, און זי וואלט ממילא געווען

נישט אזוי ברייט און צעפלאסן, נאר דערפאר טיפער און היס־טאריש ווירקזאמער. און דערצו איז ווידער נייטיק, נישט א פארגליווערונג פון די איצטיקע סאציאלע צושטאנדן אין אראבי־שן לעבן, נאר זייער פראגרעסיווע אנטוויקלונג. די סאציאלע איבערגרופירונג און דיפערענצירונג, וואס ווערט געטראגן דורך די רעוואלוציאניזירנדע פאקטארן פון דער יידישער איינוואנדע־רונג און קאלאניזאציע. צוגעבן דעם אראבישן נאציאנאליזם אן אויסגעשפראכן אנטי־אימפעריאליסטישן כאראקטער איז פונקט אזוי מעגלעך ווי פארוואנדלען די בירגערלעכע ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אן אפטיילונג פון דער אנטי־אימפעריאליס־טישע ליגע.

געוויס פארמאגט דער עפענדיש נאציאנאליסטישער פראגנט פארשידענע ניואנסן אין דער באציאונג צו דער בריטישער מאכט, אבער די דאזיקע ניואנסן ווערן נישט דיקטירט דורך שטעלונגען פון פארשידענע קלאסן, נאר דורך אינטערעסן־שאטירונגען אין די רייען פון דעם איינעם קלאס, די עפענדים.

די דאזיקע ניואנסן צווישן עפענדי באדן־באזיצערס (די וואס האבן שוין פארקויפט, די וואס האלטן נאך נישט ביי פארקויפן, און די וואס האלטן אין איבערגיין צום פלאנטאציע־קאפיטאליזם, די עפענדי־קינדער אינטעליגענטן — אדוואקאטן, באאמטע און פאסטן־זוכער) אין די פארשידנסטע קאמבינאציעס, בלייבן אלע צום סוף אויף דערזעלבע פשרה־פלאך מיטן אימ־פעריאליזם, צוליב זייערע אייגענע קלאסן־אינטערעסן.

נישט בלויז די עטלעכע בירגערמייסטערס, וואס זענען געקומען צום הויך־קאמיסאר אויף א פריינדלעכן שמועס אין נאמען פון אראבישן פאלק, האבן אפן אנערקענט דעם מאנדאט און אונטערגעשטראכן זייער דינסט־גרייטשאפט. אפילו אין די סאמע הייסטע טעג האט קיינער פון די „אנטי־אימפעריאליס־טישע קעמפער" נישט געלאזט איבער די ליפן די אלטע, איצט שוין פארגעסענע פאדערונג, אז „ענגלאנד זאל פארלאזן דאס לאנד". נישט מער די יידישע איינוואנדערונג זאל פארווערט ווערן, וועט שוין דאס „פאלק" בארואיקט ווערן.

דער „פארלאמענט" קומט...

עס איז געווען זייער א געלונגענער „טריק" מצד די איניציא־טארן פון דעם „אקטאבער־אויפשטאנד" אין פאלעסטינע, ווי עס רופט דאס אזוי שיין דער יעווסעקישער רעדנער אין סאוויעטישן ראדיא, אז די פאדערונג וועט זיין קעגן דער יידישער איינוואנדערונג. און באקומען דערפאר וועט מען נישט בלויז רדיפות אויף יידישע טור־ריסטן און א מאקסימאלע באגרענעצונג פון דער ארבעטער־איינ־וואנדערונג, נאר אויך א „פארלאמענטארישע פארטרעטונג" פאר א צוגאב. און שוין איז טאקע די פראגע פון דער „מועצה מחוקקת" („געזעצגעבערישער ראט") געווארן אזוי אקטועל, אז קאנליף ליסטער, דער „ציוניסטן־פריינטלעכער" קאלאניע־מיניסטער, האט אין ענגלישן פארלאמענט מודיע געווען וועגן דעם און פאראיינ־וועגס ערקלערט, אז די פראגע וועט שוין מער פארן פארלאמענט נישט געבראכט ווערן. די בריטישע רעגירונג האט דערמיט בא־

קומען די פולמאכט צו האנדלען אין דער זאך ווי זי וועט געפינען פאר נויטיק.

צי האט די רעגירונג דא געהאנדלט אונטערן דרוק פון דער דורך איר ארויסגערופענער אראבישער אקציע? ניין! די אראבישע עפענדיס זענען געווען אזוי איידל און דעם לאזונג אליין נישט אויפגעהויבן. זיי האבן גאנץ גענוי געוואוסט וואס זיי ערוואַרט׳ דערפאר זענען זיי געווען דזשענטלמענער, און די פראגע נישט געשטעלט אין פאדערגרונט, כדי צו מאכן דעם אנשטעל, אז מען דארף זיך ביי זיי נאך איינבעטן.

וואס וועלן זיין די קאמפעטענצן פון דער נייער "פארלא־מענטארישער פארטרעטונג" איז דערווייל נאך נישט קלאר, אבער זיכער איז שוין, ווי קאנליף ליסטער האט באַרויקט דעם ענגלישן פארלאמענט, אז "די געזעצגעבערישע און אנפירערישע רעכט פון דעם ענגלישן פארלאמענט, פון דער רעגירונג און פונם קאמיסאר וועלן בלייבן אומבארירט". מיט פשוטע ווערטער, עס ווערט צו־געגרייט דער פארום, וואו אראבישע עפענדים און יידישע בורזשואזיע זאלן אפיציעל און עפנטלעך טאנצן לויטן פייפל פון די ענגלישע פקידים.

די ליניע פון דער בריטישער פאליטיק אין א"י איז אנגע־צייכנט. א פארשארפטער קורס פון רדיפות און באגרענצונגען לגבי דער יידישער איינוואנדערונג און גלייכצייטיק וואס א נענ־טערע צוזאמענארבעט מיט די רעאקציאנערסטע עלעמענטן פון דער אראבישער געזעלשאפטלעכקייט געגן עקאנאמישן און פאליטישן פראגרעס פונם לאנד. איין אייזערנע קייט איבערן גאנצן לעבן פון

דער א״ידיקער באפעלקערונג אויף אלע שטחים: דערשטיקן די איינוואנדערונג, אין דער ערשטער ריי די יידישע ארבעטער־איינוואנדערונג, באדן־געזעצן וואס זאלן פארוואנדלען דעם אריס (ארענדאטאר) אין אן אייביקן שקלאף און באגרעניצן ביז צו א מינימום די יידישע קאלאניזאציע; א שטאט־פארוואלטונגס־געזעץ וואס זאל איבערגעבן די שטעט אויף אייביקער ארענדע צו די דעמאראליזירטע כנופיות, וואס פאראזיטירן און ווערן פעט אויפן בלוט און שוייס פון דער שטאטישער באפעלקערונג און דינען זיך אויס געטריי דער רעגירונג, וועלכער בלייבט דער אייגענטלעכער בעל־הבית; און איבער אלעמען א פארלאמענטארישע פארטרעטונג, וואו דער עפענדי און דער יידישער בורזשוא וועלן קריגן א מתנה פאר זייער לאיאליטעט און געהארזאמקייט — דעם גורל פון די ארבעטנדיקע מאסן.

אט דאס איז די ליניע, וואס די בריטישע רעגירונג האט זיך אנגעצייכנט פאר די נאנטסטע פאר יאר, ווי אן איינלייטונג צו דעם ווייטערדיקן שאכער־מאכער, ווען דער מאנדאט וועט שוין גיין צו ענדע, און מ׳וועט זיך דארפן אומקוקן נאך א נייער פארם פון רעגירן אין דעם דאזיקן לאנד. די אומבאקוועמלעכקייט צו פארוואלטן א לאנד אונטער דער קאנטראל פון אנדערע מדינות דורכן פעלקער־בונד, דער ווילן צו זיין דער איינציקער בעל דעה איבער דעם דאזיקן שליסל פון מזרח, די מלחמה־צוגרייטונגען וואס נעמען אן אן אלץ שארפערן טעמפּ. דאס אלץ יאגט אונטער די פארווירקלע־כונג פון די ענדגילטיקע ענגלישע פלענער אין א״י. נישט אומזיסט איז די באלפור־דעקלאראציע שוין אזוי לאנג פארשוואונדן

פונם מויל פון די ענגלישע מלוכה־לייט. איצט רעדט מען שוין וועגן די פליכטן פונם מאנדאט, נישט ווי וועגן א זאך וואס מ׳האט אליין אויסגעארבעט און דורכגעזעצט, נאר ווי וועגן א שווערע לאסט וואס מען מוז נעבעך טראגן, בלית ברירה, ווייל דער פעלקער־בונד ווארפט עס אן, אויף יעדן פאל, עס איז כמעט ווי זיכער, אז דער מאנדאט וועט נאך דעם אפלויף פון זיין טערמין (אין 9 יאר ארום) קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. די ענגלישע פאליטיק צילט צו זיכערן זיך א פרייע הערשאפט אין לאנד דורך א הסכם מיט דעם פעאדאליזם, לויטן מוסטער פונם עיראקישן אפמאך, אפשר אויך דורך דער אריינגלידערונג אין א „פרייער פעדעראציע" פון אלע דורך איר באהערשטע אראבישע לענדער. עס קאן אויך געמאלט זיין, אז עס איז געגומען אין אויסזיכט די די מעגלעכקייט פון באזעצן דעם עבר־הירדנער אמיר אבד־אללה פאר א געטרייען וואסאל אלס קעניג, וועלכער האט ארויסגעוויזן פלוצים אזוי פיל פאליטישע אקטיוויטעט אין די לעצטע געשעענישן, אנטקעגן זיין ביזאיצטיקער רעזערווירטער שטעלונג, און אויס־געפירט לאיאל וואס פון אים איז געפאדערט געווארן.

אין לאנד און אין לאנדאן.

די דאזיקע ליניע איז ביים ענגלישן אימפעריאליזם לגמרי נישט ניי. ער אנטוויקלט זי שריט ביי שריט פון זיינע ערשטע טעג אין לאנד. דער קאמף געגן דער יידישער ארבעטער־איינ־וואנדערונג איז קיינמאל נישט אראפ פון זיין סדר־היום. איצט איז די דאזיקע אויפגאבע פאר אים געווארן נאך דרינגלעכער, מחמת

דער אומגעהייער פארגרעסערטער אויפנעם־פעאיקייט פונם לאנד און דעם פארטאפלטן דרוק פון די יידישע מאסן איז חוץ־לארץ.

עס איז לגמרי נישט נייטיק געווען קיין דרוק פון ד. עפענדים כדי די רעגירונג זאל וועלן גיין אויף דעם דאזיקן וועג. דער דרוק איז געווען נייטיק, כדי די רעגירונג זאל האבן מיט וואס צו בארעכטיקן זיך.

זאלן רעדן וועגן דעם בלויז צוויי פאקטן, וואס זענען ארויס אויף דער ליכטיקער שיין.

א) די רדיפות אויף טוריסטן האט די בריטישע רעגירונג לויט א מעלדונג פונם הויך־קאמיסאר, באשטעטיקט, שוין דעם 16־טן סעפטעמבער, ד. ה. מיט א חודש פריער, איידער ס'איז געקומען צו די געשעענישן. פארוואסזשע איז די מעלדונג וועגן דעם נישט ארויסגעגעבן געווארן פריער, אפשר וואלטן דאן קיין געשעענישן נישט געווען? אפשר וואלט דאס פארט גע־ווירקט כאטש טיילווייז צו באַרואיקן די „אויפגערעגטע געמי־טער”? ס'קאן זיין, אבער דאן וואלט די דערשטיקונגס־געזעצ־געבונג געגן דער עליה געבליבן אן דער געהעריקער פאליטי־שער באגרינדונג, אזוי ווי זי האט נישט קיין עקאנאמישע.

ב) אויפן משפט פון די באשולדיקטע אין דער ירושלימער דעמאנסטראציע, האט ניקאלא סאבא, א הויכער פאליצײ־אפיצער, מודה געווען, אז ער האט צוויסן געטאן דעם אראבישן אויס־פיר־קאמיטעט נישט אפיציעל, אז אויב די דעמאנסטראציע וועט גיין אויף דעם וועג, „וואס ער ווייזט אן, וועט די רעגירונג עס דערלאזן. און דאס אין דער צייט, ווען אפיציעל איז

די דעמאנסטראציע געווען פולשטענדיק פארבאטען. צי האט מען געדארפט מער?

אין לאנדאן, פארשטייט זיך, וואו עס האנדלט זיך בלויז וועגן פארדעקן די אמתע כוונות און יוצא זיין מעשה־דזשענ־טלמען האלט דער קאלאניאל־מיניסטער קאנליף ליסטער, אין איין איבערחזרן די אלטע אויסגעדראשענע און פאקטיש אויס־געליידיקטע פארמולע וועגן „אפהיטן די התחייבותן פון מאנדאט לגבי ביידע פעלקער" און „דערלויבן די יידישע איינוואנדערונג אין די גרעניצן פון דער אויפנעם־פעאיקייט פונם לאנד". ווי־באלד אבער עס קומט צו מעשים, גיט דער הויך־קאמיסאר, ה׳ וואוקאפ, אזא מין ערקלערונג פון „אויפנעם־פעאיקייט פונם לאנד", עס זאל זיין קלאר בלויז איינס, אז ער וועט טאן וואס א י ם וועט געפעלן געווארן. „ביי דער אפשאצונג פון דער אויפנעם־פעאיקייט, האט דער הער הויך־קאמיסאר ערקלערט פאר דער דעלעגאציע פון די בירגערמייסטערס, וועל איך זיך רעכענען אויך מיט דער לאגע אין דער צוקונפט". פון וואנען וויים עס דער ה׳ הויך־קאמיסאר די לאגע אין דער צוקונפט? צו האבן אים די צוויי יאר אפזיצן אין דער נביאים־שטאט ירושלים, אויך געמאכט פאר א נביא? האבן די ציוניסטישע פארשטייער געטענה׳ט בעת די פריערדיקע אונטערהאנדלונגען מיטן הויך־קאמיסאר, אז דער דאזיקער טייטש פון „אויפנעם־פעאיקייט" איז בפירוש אפגעווארפן געווארן דורך מאקדאנאלדס בארימטן בריוו. וועלכער זאגט קלאר, אז ביי דער באשטימונג

פון אויפנעם־פעאיקייט וועט געגומען אין באטראכט נאר דער איצטיקער צושטאנד – עס האט נישט געהאלפן.

וועמענס „אנגענץ"?

און אנטקעגן דער דאזיקער אנטשלאסנקייט פונם אימפעריאליזם, ווי האט זיך אוועקגעשטעלט דער ציוניסטישער לאגער אונטער דער אנפירונג פון אונזערע אזויגערופענע „ציוניסטן־סאציאליסטן"?

דאס ווארט „אוועקגעשטעלט" איז שוין צו ש א ר ף. זיי האבן זיך א ו ו ע ק ג ע ל י י ג ט. צו ערשט מיט א קלאגעריי, דערנאך מיט מליצה'דיקע טענות און פראטעסטן, וואס האבן נאר פארוויסט די אמת'ע אויפרעגונג פון די מאסן, ביז זיי זענען געשווינד אנטשוויגן געווארן.

ארלאזאראוו־בן־גוריונס תורה וועגן „צוזאמענארבעט מיט דער רעגירונג פאר יעדן פרייז", האט געטראגן די פירות, וואס זי האט פארדינט. דארט וואו דעם פלאץ פון פאליטישן דרוק פארנעמט דער דיפלאמאטישער גלעט, קענען די רעזולטאטן אנדערש נישט זיין, און צו קאן דען די בריטישע מאכט גלייבן אין דעם כוח פון די ברייטע יידישע מאסן, און נאכגעבן זייערע פאדערונגען, ווען די וואס האבן דעם מאנאפאל אויף דער דאזיקער מאסע, האבן אליין נישט דעם מוט צו קומען באצייטנס צו דער דאזיקער מאסע און ווארענען זי און צוגרייטן צום קאמף? און דערנאך, אז די געשעענישן זענען געקומען, צי האבן זיי געהאט מוט אויפצודעקן דעם בייזן

שפיל וואס ווערט דא געטריבן, צי האבן זיי ארגאניזירט א מאסן־אקציע וואס זאל אויפטרייסלען די גאנצע פאליטישע וועלט? ניין, זיי האבן געשוויגן אין געהיטן די ניי־געוואונענע בענקלעך.

דער אייגענער בן־גוריון, וואס האט פארשטאנען אויף דער ועידה כללית (אלגעמיינער קאנפערענץ פון הסתדרות) פונאנדערצוואויקלען אזא ברייט און מעכטיק בילד פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאפט, ווען ער האט געוואלט פארווישן דעם פאטאלן צושטאנד פון דער ארבעטער־ארגאניזאציע, ווי עס קומט נאר צו באנוצן די קראפט פון דער ארבעטערשאפט אין פאליטישן קאמף, זעט ער זי מער נישט.

אנשטאט צו פירן ארבעטער פאליטיק, האבן די פשרה־מאכערס אויף זיך גענומען פירן די פאליטיק פון כלל ישראל, און מיט יעדן טאג זינקן זיי טיפער. זיי זענען "געקומען צו דער מאכט" אויפן ציוניסטן־קאנגרעס אונטערן לאזונג פון קאמף קעגן רעוויזיאניזם, און איצטער רעדט שוין בערל קאצנעלסאן אויף אן עפנטלעכן מיטינג אין תל־אביב וועגן "אייני־הייטלעכן פראנט" אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מיט דעם דאזיקן פאשיסטישן געזינדל פון מזרחי, ציונים כללים און רע־וויזיאניסטן.

און אין דער אייגענער צייט, ווען ביי זיך זענען זיי גרייט איינצוגיין אויף אן איינהייטלעכן פראנט מיטן יידישן פאשיזם און רעדן שוין אפילו וועגן דעם, האבן זיי נאך דעם טרויעריקן מוט,

צו ווענדן זיך צו די אראבישע מאסן. זיי זאלן אויפלייזן דעם „נאציאנאלן פראנט" און האנדלען לויט זייערע קלאסן־אינטערעסן. אן איינהייטלעכער פראנט מיט „התאחדות האכרים" און „התאחדות בעלי־התעשיה", וועלכע האבן גראד איצט באשלאסן צו פאדערן סערטיפיקאטן פאר זיך, כדי צו קענען באציען קאנטראקטירטע שקלאפן פון תימן, און ביתרישע פאשיסטישע שטרייק־ברעכער פון גאר דער וועלט. און צו מיינען זיי דורך דעם „איינהייטלעכן פראנט" איינצושלעפערן דעם קלאסן־שונא? (רמז האט אויף דער ועידה כללית געלייקנט, אז מ'קען אין דער יידישער בורזשואזיע זען א קלאסן־שונא!)

וואס דאס מיינט האט ערקלערט י. בן־צבי אויף א פארזאמלונג, וועגן וועלכער קיין באריכט איז אין די צייטונגען נישט געווען: מ'דארף אפשטעלן אויף א יאר צייט דעם סאציאליסטישן קאמף (אפשטעלן אט דאס עלענדע ביסל פון פראפעסיאנעלן קאמף.) אבי צופרידן צושטעלן מ. סמילאנסקין, וועלכער ערקלערט אפן, אז ער האלט פאר איבעריק דעם איצטיקן קאמף פאר סערטיפיקאטן און טוריסטן, כדי צופרידנצושטעלן זשאבאטינסקי־ן מיט זיין „בלוט און בלאטע"־פאליטיק! מיטן לאזונג פון ארבעטער־עליה האבן זיי גערופן העלפן זיי צום קאנגרעס קעגן רעוויזיאניזם, איצט גייען זיי אין נאמען פון עליה ארייינפירן בידים דעם פאשיזם, עפענען אים נאך ברייטער די טויערן.

אזא מין דורכפאל פון כאראקטערלאזע פאליטיקער האט נאך די וועלט נישט געזען! נאר איין זאך קען זיי נאך ראטעווען — אז די בורזשואייע זאל נישט וועלן. אבער

פארוואס זאלן זיי נישט וועלן, אז זיי וועלן קריגן אלץ — און די ארבעטער גארנישט, אויסער די פאר בענקלעך פאר די פירער.

עס איז די אגענץ פון דער בורזשואזיע; פאליטיש צעפוילט, אן קאמף־ווילן, אן היסטארישן בליק, אויסגעליפערט דער יידישער רעאקציע בינדט זי די הענט דער ארבעטערשאפט אין קאמף פאר דער פרייער איינוואנדערונג, אין קאמף קעגן פאשיזם, אין קאמף פאר פרייען יידישן ארבעטער־צענטר אין א״י.

די יידישע ארבעטערשאפט אין א״י, די אלוועלטלעכע יידישע ארבעטערשאפט און די חלוצישע יוגנט אין חוץ־לארץ, מוז זיך באפרייען פון דעם דאזיקן קאשמאר, זי מוז געפינען איר אייגענעם רעוואלוציאנערן וועג, איר קלאסן־וועג, דעם וועג פון פועלי־ציון.

Ex Libris
Max Alper

פרייז 10 מיל

דפוס „יבנה", תל־אביב, רח' הרצל 54

האחראי: מ. בליי